# UN LOMIR ALE DO ZINGEN-און לאָמיר אַלע דאָ זינגען

De l’album :Dovid Eshet Brengt aykh a grus fun Isroel
פֿונעם אלבום : דוד עשת ברענגט אײַך אַ גרוס פֿון ישׂראל

Un lomir ale do zingen,
Zayt freylekh tantsn un shpringen
Er zol lider do klingen ,
Lider fun sholem (3), oyf der
gantser velt.

און לאָמיר אַלע דאָ זינגען.
זײַט פֿריילעך טאַנצן און שפּרינגען ,
ער זאָל לידער דאָ קלינכער,
פֿאַר שלום [3] , אויף דער גאַנצער וועלט.

Undzer kop iz tsum himl,
Antkegn altkeyt un shiml ,
Es shtelt a velt oyf un driml,
A velt fun sholem (3), oyf der
gantser velt.

אונדזער קאָפּ איז צום הימל ,
אַנטקעגן אַלטקייט און שימל ,
עס שטעלט אַ וועלט אויף און דערימל
אַ וועלט פֿון שלום [3] , אויף דער גאַנצער
וועלט.

Mit a freylekhn ponim antkegn yeder
sakone
Es veln flatern ponim, a fon fun
sholem (3), oyf der gantser velt.

מיט אַ פֿריילעכן פּנים אַנטקעגן יעדער
סכּנה ,
עס וועלן פֿלאַטערן פּנים , אַ פֿאָן פֿון
שלום[3] ,אויף דער גאַנצער וועלט.

Es veln felker tsuzamen in marsh
fun sholem forshpanen ,
Vayl s’iz a tsil nokh faranen
Der tsil iz sholem (3), oyf der
gantser velt.

עס וועלן פֿעלקער צוזאַמען ,
אין מאַרש פֿון שלום פֿאָרשפּאַנען ,
ווײַל ס’ איז אַ ציל נאָך פֿאַראַנען
דער ציל איז : שלום [3] , אויף דער
גאַנצער וועלט.

Lomir shvester un brider ,
nor zingen vider un vider ,
Dos lid fun di libste lider ,
Dos lid fun sholem (3), oyf der
gantser velt.

לאָמיר שוועסטער און ברידער,
=נאָר זינגען ווידער און ווידער ,
דאָס ליד פֿון די ליבסטע לידער ,
דאָס ליד פֿון שלום [3] ,אויף דער גאַנצער
וועלט.